בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה
צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, ליל
שבת קודש פרשת ראה, מברכים חודש אלול
שנת תשפ"א לפרט קטן, אין שטעטל, קרית
ברסלב - ליבערטי יע"א, ביים באטע.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

## ליל שבת קודש פרשת ראה, מברכים חודש אלול, שנת תשפ״א לפרט קטן, ביים באטע האט דער ראש ישיבה שליט״א גערעדט גאר שיינע דברי התחזקות געבויעט אויף די וואכעדיגע סדרה.

## א געבענטשטער טאג

דער ראש ישיבה שליט״א האט אנגעהויבן: דער פסוק זאגט (דברים יא, כו): ״רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה״, זע איך געב פאר ענק היינט א ברכה און א קללה. טייטשט מוהרא״ש זכותו יגן עלינו דעם פשט אזוי; דער אייבערשטער זאגט פאר אידישע קינדער: ״רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם ׳הַיּוֹם׳״, איך געב ענק א מתנה ׳דעם היינטיגן טאג׳; אויב האט מען שכל, מען פרובירט אויסצוניצן דעם היינטיגן טאג ווי עס דארף צו זיין, דאן וועט עס זיין: ״בְּרָכָה״, א געבענטשטער טאג, און פארקערט אויב מען האט נישט שכל, מען טוט נישט וואס מען דארף טון, דעמאלט: ״וּקְלָלָה״, וועט עס זיין א פארשאלטענער טאג. ווי דער פסוק פירט אויס (שם, פסוקים כז, כח): ״אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה׳ אֱלֹקֵיכֶם וגו׳״, די בענטשונג וועט קומען דורך דעם וואס איר וועט זיך צוהערן צו די מצות פונעם אייבערשטן, ״וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה׳ אֱלֹקֵיכֶם וגו׳״, און די שעלטונג וועט קומען אויב איר וועט זיך נישט צוהערן צו די מצות פונעם אייבערשטן.

אזוי גייט דאס לעבן, א מענטש וואס היט די תורה, ער דאוועט שחרית, מנחה און מעריב, און לערנט די הייליגע תורה – ער האט א געבענטשטע לעבן, און פארקערט חס ושלום, איינער וואס דאוועט נישט און לערנט נישט – האט נעבעך אן אמגליקליך ביטער לעבן, השם ישמרינו.

# רעדן שיין צו אנדערע

נאך איז מרומז אינעם פסוק; דער אייבערשטער זאגט פאר אידישע קינדער: "רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם", זע איך געב פאר ענק דעם היינטיגן טאג, "בְּרָכָה וּקְלָלָה", צו א בענטשונג און צו א שעלטונג. א מענטש קען אויסניצן זיין טאג צו 'בְּרָכָה', צו רעדן שיין צו אנדערע, און ער קען עס אויך אויסניצן אויף פארקערט, צו 'וּקְלָלָה', נישט רעדן שיין צו אנדערע. א מענטש וואס געוואוינט זיך איין צו רעדן שיין צו אנדערע, צו זיינע חברים און נאנטע, זיין לעבן איז א געבענטשטע לעבן, ער האט א שיין לעבן און איז מצליח, ווידער א מענטש וואס רעדט נישט שיין צו אנדערע מענטשן, האט א געשאלטענע לעבן, השם ישמרינו.

מען זעט נעבעך מענטשן, בחורים און אינגעלייט וואס זייער גאנצע חיות איז וואו זיי קענען חוזק מאכן פון אנדערע, וואו זיי קענען שטעכן און פליקן אנדערע, אזא מענטש האט אויסגעקליבן זיין טאג צו 'וּקְלָלָה' - וואס ברענגט אים נישט קיין גוטס רחמנא לצלן, איך ווייס פון מעשיות וואס האט פאסירט דא אין ישיבה, פון בחורים וואס האבן געשטאכן און געפליקט אנדערע בחורים, זיי האבן חוזק געמאכט פון זיי, און שפעטער האט זיך אויסגעשטעלט אז די בחורים פון וועמען זיי האבן חוזק געמאכט האבן שיין חתונה געהאט, זיי האבן שוין א שטוב מיט קינדער און א גוטע פרנסה וכו' וכו', און די בחורים וואס האבן זיי געטשעפעט, זיי ווארטן נאך אויף זייער שידוך, דערפאר דארף מען זיין זייער געווארנט צו רעדן נאר שיינע ווערטער צו אנדערע וואס ברענגט א 'בְּרָכָה' אויפ'ן מענטש.

איידער איך בין מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן האט מיר נישט אזוי שטארק געשטערט ווען איך האב געהערט איינעם רעדן שטעכעדיג צו אנדערע; [איין זאך האב איך קיינמאל נישט געקענט הערן: 'ניבול פה', דאס האב איך קיינמאל נישט געקענט הערן], אבער זייט איך בין מקורב

געווארן צום רבי'ן און איך האב אנגעהויבן לעבן מיט 'התבודדות', קען איך ממש נישט הערן ווי צוויי בחורים רעדן שטעכעדיג איינער צום אנדערן.

ווייל א מענטש וואס מאכט אסאך התבודדות קען נישט נעמען די זאך פון זיך שטעכן און פליקן, ווייל ער לעבט מיט א חשבון, מיט תכלית. וואס ביסטו און ווער ביסטו אז דו קענסט שוין שטעכן און פליקן אנדערע?! עס איז אזא רחמנות צו זען ווי געוויסע בחורים האבן נעבעך נישט קיין אנדערע חיות ווי דאס זיך שטעכן און פליקן איינער דעם אנדערן, פארוואס זאלסטו נישט קוקן גוט אויף יענעם? פארוואס מוזטו רעדן צו יעדן מיט א שטעך? עס איז זייער אומבא'טעמ'ט דאס צו הערן!

דערפאר דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל רעדן שיין צו אנדערע, מען זאל זען דאס גוטס פון אנדערע, און זיך נישט חס ושלום שטעכן איינער דעם צווייטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.